ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח'

## פרשת פנחס

שנת תשע"א

**פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן וגו':** במדרש אמר הקב"ה **בדין הוא שיטול שכרו.**

זאגט דער **ילקוט הגרשוני** לויט דעם וואס דער **פרי מגדים** זאגט (בפתיחה כוללת) אז דער טעם פארוואס עס איז נישטא קיין שכר מצוה אויף די וועלט איז ווייל דער אייבערשטער איז קיינמאל נישט זיכער מיט א מענטש אז ער וועט נישט זינדיגן, ווי עס שטייט אין פסוק (איוב ט"ו) **הן בקדושיו לא יאמין,** ממילא ווייל נישט דער אייבערשטער געבן קיין שכר טאמער וועט ער שפעטער זינדיגן און ער וועט אליין חרטה האבן אויף די מצות ומעשים טובים וואס ער האט געטון.

דער **רבי ר' יונתן אייבשיץ זי"ע** (בס' אהבת יונתן בהפטורה לשבת חנוכה) זאגט בשם הזוהר אז יעדער וואס איז שוין געשטארבן און ער איז אויפגעשטאנען תחיית המתים עפ"י נס האט שוין דער יצר הרע נישט קיין שליטה איבער אים.

דער **זוה"ק** (דף רי"ז ע"א) זאגט אז ווען פינחס האט גע'הרג'עט זמרי איז זיין נשמה ארויסגעגאנגען פון אים, און ער האט באקומען די נשמה פון נדב ואביהו.

לויט דעם קומט אויס דער טייטשט פון פסוק אזוי, **פנחס בן אלעזר,** פנחס איז ביז היינט געווען בן אלעזר איז פון יעצט און ווייטער **בן אהרן הכהן** ווייל ער האט שוין די נשמה פון נדב ואביהו, אויב אזוי אז ער איז שוין איינמאל נפטר געווארן קען ער מער נישט זינדיגן, ממילא **בדין הוא שיטול שכרו,** קען ער האבן שכר מצוה אויף די וועלט.

*

דער **אמרי נועם** זאגט א צווייטע וועג צו פארענטפערן דעם מדרש, **בדין הוא שיטול שכרו.**

לויט די קשיא פון די **מפרשים,** ווי אזוי קען זיין אז **שכר מצוה בהאי עלמא ליכא,** מיר וויסן דאך אז דער אייבערשטער היט די תורה, און ער דארף איינהאלטן די מצוה פון **לא תלין פעולת שכיר?**

איז ידוע דער תירוץ אז די הלכה פון לא תלין פעולת שכיר איז נאר אויב דער בעה"ב האט אליינס געדונגען דעם פועל, משא"כ אויב האט ער געשיקט א שליח זאל גיין דינגען די ארבעטער, איז ער נישט עובר אויף בל תלין, ממילא אזוי ווי דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר אידישע קינדער דורך א שליח, משה רבינו ע"ה, ממילא איז ער נישט מחויב צו באצאלן.

אבער דער תירוץ איז טאקע זייער גוט ביי די גאנצע תורה וואס משה רבינו האט מקבל געווען אויפן בארג סיני און ער האט דאס איבערגעגעבן פאר די אידן, אבער דא רעדט מען דאך אז די הלכה אז מ'דארף הרג'ענען זמרי בן סלוא האט משה רבינו נישט געוואוסט אליין, נאר פנחס האט דאס אליינס משיג געווען פון הימל, דארף ער יא באקומען דעם שכר אויף די וועלט, ווייל ער האט דאס באקומען פונעם אייבערשטן אליינס.

וועגן דעם איז **בדין הוא שיטול שכרו** אויף די וועלט, ווייל ער האט אליינס משיג געווען די מצוה.

*

**ושעיר עזים אחד לחטאת לה':** זאגט רש"י אמר הקב"ה **הביאו כפרה עלי על שמעטתי את הירח,** אז דער שעיר ראש חודש איז א כפרה אויף דעם וואס כביכול האט קלענער געמאכט די לבנה.

לכאורה דארף מען פארשטיין, אויב דארף כביכול דער רבש"ע א כפרה אויפן קלענער מאכן די לבנה, פארוואס דארפן מיר ברענגען דעם קרבן?

ענטפערט דער **לחמי תודה,** אז דער טעם פארוואס דער רבש"ע האט קלענער געמאכט די לבנה איז ווי די גמרא זאגט אין מס' חולין (דף ס') אז די לבנה האט גע'טענה'עט **אי אפשר לב' מלכים להשתמש בכתר אחד,** און די זון קען נישט זיין אזוי גרויס ווי די לבנה, האט דער אייבערשטער קלענער געמאכט די לבנה.

לכאורה פארוואס האט נישט דער אייבערשטער גרעסער געמאכט די זון, און די לבנה זאל בלייבן אזוי ווי זי איז, נאר רש"י זאגט אנהויב פר' בראשית **וירא אלקים את האור כי טוב,** אז דער אייבערשטער האט געזעהן אז די וועלט איז נישט ראוי נהנה צו זיין פון די גרויסע ליכטיגקייט האט ער דאס באהאלטן פאר די צדיקים לעתיד לבא. קומט אויס אז דער אייבערשטער האט נישט געקענט גרעסער מאכן די ליכטיגקייט פון די זון, ווייל די וועלט איז נישט ראוי געווען דערצו.

לויט דעם פארשטייט מען פארוואס מיר דארפן ברענגען דעם קרבן אויף דעם וואס דער אייבערשטער האט קלענער געמאכט די לבנה, ווייל ווען מיר זענען ווען ראוי וואלט מען ווען נישט געדארפט קלענער מאכן די לבנה, נאר מ'וואלט געקענט גרעסער מאכן דעם כח פון די זון, און לאזן די לבנה אזוי ווי זי איז.

### לאזני משפחת האזני

עס איז באקאנט וואס דער **של"ה הק'** זאגט אויף די ווערטער פון רש"י אז **אזני** איז **אצבון,** ווייל די גמרא זאגט אין מס' כתובות (דף ה' ע"ב) אז די פינגער פון א מענטש זענען רינדיג כדי אויב ער הערט א דבר שאינו הגון זאל ער זיך קענען דערמיט פארשטאפן די אויערן. דאס איז דער שייכות צווישן **אזני** (אויער), מיט **אצבון,** (פינגער).

זאגט דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע אז וויבאלד שבט גד זענען געווען שכנים מיט שבט ראובן און שמעון וואס דארט זענען געווען דתן ואבירם, און די ר"ן איש וואס זענען געווען קעגן משרע"ה, און זמרי בן סלוא, האט שבט גד געדארפט צושטאפן זייערע אויערן כדי ער זאל נישט הערן זייערע לשון הרע און נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך זיי, וועגן דעם האט ער זיך גערופן **אצבון** ווייל ווילאנג זיי האבן געלעבט האבן זיי געדארפט פארשטאפן די אויערן, אבער יעצט אז די אלע זענען שוין געשטארבן, און עס זענען געבליבן נאר ערליכע אידן, האט ער זיך שוין גערופן **אזני.**

# אוצר הידיעות

## פנחס זה אליהו

מיר לערנען די וואך אין די סדרה ווי אזוי **פנחס בן אלעזר** האט באקומען א ברית כהונת עולם אלס שכר. און חכמינו ז"ל זאגן (פרדר"א פמ"ו) אז פנחס זה אליהו.

אליהו הנביא ווערט אנגערופן **אליהו התשבי**, ווי רש"י איז מסביר ווייל ער איז געקומען פון א שטאט מיטן נאמען **תושב**. עס ווערט אויך געברענגט אז דער נאמען תשבי איז אים געגעבן געווארן ווייל **שהשיב את ישראל לאביהם שבשמים**.

אין מדרש ווערט געברענגט א מחלוקה פון וועלכע שבט פנחס האט געשטאמט, יש אומרים פון שבט **בנימין**, און יש אומרים פון שבט **גד**. דערציילט דער מדרש אז איינמאל ווען די צוויי תנאים האבן זיך געקריגט איבער דעם איז אליהו הנביא אליינס געקומען צו זיי און ער האט זיי געזאגט פארוואס קריגט עטס אייך איבער מיר, איך בין פון די אייניקלעך פון **רחל אמנו**.

אין א **ספר קדמון לחכמי אשכנז** ווערט געברענגט אז אליהו איז געווען פון **שבט לוי**.

אין ספר **חמדת הימים** (להר"ש שבזי) זאגט אויפן פסוק **גד גדוד יגודנו והוא יגוד עקב**, זה אליהו שבא משבט גד, והוא יגיד הבשורה של הגאולה האחרונה, כמ"ש הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא.

דער **אברבנאל** זאגט אז דאס איז די ברכה פון **אריכות ימים**, און פינחס האט נאך טאקע געלעבט אסאך דורות, ער ווערט נאך דערמאנט אין די צייטן פון די שופטים ביי די מעשה פון פילגש בגבעה (שופטים כ', כ"ח) און אין די צייטן פון דוד המלך (דברי הימים א' ט') און חז"ל זאגן אז ער איז געווען דער מלאך וואס איז געזעהן געווארן אין די צייטן פון גדעון און יפתח. און מהאי טעמא זעהט מען נאר אין פסוק אז ער ווערט אנגערופן אליהו הגלעדי אויפן נאמען פון די שטאט וואו ער האט געוואוינט, און עס איז נישט דערמאנט דער נאמען פון זיינע עלטערן.

אין ספר **הפרדס דאליהו** (הובא בחומת אנך) שטייט אז אליהו הנביא איז מתחילה געווען א מלאך, און ווען דער אייבערשטער האט געוואלט באשאפן די וועלט האט ער געזאגט פאר אליהו און די אנדערע מלאכים נעשה אדם, האט אליהו הנביא געזאגט 'רבש"ע אויב דו ווילסט מאכן די וועלט, ווילן מיר אוודאי, אויב דו ווילסט וועל איך אראפגיין אויף די וועלט און דיך דינען פון אונטן, און ער איז אראפ געגאנגען אויף די וועלט און פארשפרייט די אמונה אינעם אייבערשטן ביז יעדער האט אויסגערופן ה' הוא האלקים', און נאכדעם האט אים דער אייבערשטער צוריק ארויפגענומען אין הימל, און אים געשטעלט צו זיין אן אפוטרופוס אויף אידישע קינדער.

פנחס האט באקומען אלס שכר א **ברית שלום**, וואס איז געווען דער שכר?

---

# אוצר רבותינו

## שוחד דברים

בעיר טארניפאל שימש ברבנות הגאון הגדול **רבי יוסף באב"ד זצ"ל בעמח"ס מנחת חינוך**.

זמן קצר אחרי שהגיע לעיר נכנס לביתו אחד הבעלי בתים בעיר וסיפר לו שקודם ביאתו לעיר היה מחלוקת בעיר אודות התמנותו, והיו כמה אנשים שהתנגדותו מאד להתמנותו לרב אב"ד בעיר טארניפאל. אבל הוא בעצמו היה מהאנשים הנאמנים להרב, ובמשך כל הזמן תמך מאד שיקבלו אותו לרב בעיר.

אחר כך אמר האיש להרב שיש לו איזה סכסוך עם אחד מהבעלי בתים בעיר, ומבקש שהרב יקבל על עצמו לנהל הדין תורה.

ענה לו ה**מנחת חינוך** "איני יכול לקבל על עצמי לנהל הדין תורה, כי הדברים שאמרת לי מקודם בנוגע הרבנות זה שוחד ".

היהודי לא הבין מה שאמר לו הרב, מדוע הדברים שהוא אמר להרב יהיו נחשבים כשוחד?".

אמר לו הרב:

"בפרשת פנחס אנו לומדים איך שבנות צלפחד באו למשה רבינו ושאלו שאלךה להלכה בנוגע חלקם בירושת אביהם, ומשה רבינו לא ענה להם, רק ויקרב משה את משפטן לפני ה', לכאורה נפלא הדבר שמשה רבינו היה יכול להשיב על כל השאלות ששאלו בני ישראל, ולמה דוקא על שאלה זו של בנות צלפחד לא היה יכולם להשיב?".

"רק האמת שמשה רבינו בוודאי ידע התשובה, רק מכיון שבנות צלפחד הקדימו בדבריהם ואמרו "**אבינו מת במדבר והוא לא היה בתוך העדה הנועדים על ה' בעדת קרח**", זה היה נחשב לחנופה במה שקבעו שאביהם לא היה ממתנגדי משה רבינו בעדת קרח, וממילא לא היה ראוי עוד לפסוק להם פסק דינם, והיה מוכרח לשאול בזה את דבר ה'.

---

# יגעת ומצאת

די וואך וועלן מיר אי"ה ממשיך זיין צו לערנען די "יגעת ומצאת" פארשידענע אינטערעסאנטע ידיעות איבער דברי חכמינו ז"ל:

**וועד האט געמאכט די תוספתא?** (קיצור כללי המשנה דף ס"ד ע"ב) **פארוואס האט ער דאס געמאכט?** (כנ"ל) **פארוואס הייסט דאס תוספתא?** (כנ"ל) **ווער האט געמאכט די ברייתא?** (כנ"ל) **פארוואס האט ער דאס געמאכט?** (כנ"ל) **פארוואס הייסט דאס ברייתא?** (כנ"ל) **מיט וואס איז דאס אנדערש ווי תוספתא?** (כנ"ל) **ווער האט געמאכט די תורת כהנים-ספרא?** (כנ"ל) **אויף וואס פארא חלק התורה האט ער דאס מחבר געווען?** (מבוא התלמוד דף מ"ד ע"ב) **פארוואס הייסט דאס תורת כהנים? פארוואס הייסט דאס ספרא? ווי אזוי רופט די גמרא אן די ברייתות פון תו"כ און ספרא** (עי' רשב"ם ב"ב קכ"ד ד"ה ובשאר) **ווער האט געמאכט ספרי?** (קיצור כללי המשנה כנ"ל) **אויף וואס פארא חלק התורה האט ער דאס געמאכט?** (כנ"ל) **פארוואס הייסט דאס ספרי?** (כנ"ל) **ווי אזוי רופט די גמרא אן די ברייתות פון ספרי?** (רשב"ם הנ"ל)

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' בלק

א. המשניות נסדר ע"י רבינו יהודה הנשיא.

ב. והטעם, כי אז נעשו מחלוקת בין החכמים והיה נראה ח"ו כאילו יש ב' תורות, וכן מחמת עול הגליות התחילו לשכוח את דיני התורה, לכן החליט לכתוב התושבע"פ שיהיו מסודרים לפני הלומד.

ג. רבינו הק' קיבץ כל הלכות ודיעות של התנאים בדורו, ופסק כפי רוב דיעות.

ד. כל התנאים שאמרו הלכותיהם, זה היה ממה ששמעו מרבותיהם שהיו בזמן הבית.

ה. סתם משנה היינו שרבי רצה לקבוע הלכה כמותו ושלא יכלו לחלוק על תנא דמתניתין לכן סתמו.

ו. סתם משנה היינו רבי מאיר.

ז. הגם שביסוד הדבר קבעו הלכה כהתנאים הראשונים שהיו בזמן הבית, אבל סתם משנה רבי מאיר היינו שרבי בחר בלשון רבי מאיר, דקאמר משמיה דרבי עקיבא שקיבלה מהתנאים הקודמים, בעיקר מחמת הסידור וצחות הלשון.

ח. משנה לשון שונה הלכות, וכן לשון משנה למלך, כי תושב"כ הוא המלך, ותושבע"פ הוא משנה למלך.

ט. תנאים, זה לשון של תנא שלומד, ואמורא זה לשון כמו מתורגמן, שהאמוראים תרגמו דברי התנאים.

י. שמאי והילל נקראים בלי תואר 'רבי' כי גדול מרבן שמו.

יא. כל התנאים שהיו נשיאים נקראים 'רבן', ומי שדרו באר"י נקראים 'רבי', כי היה להם סמיכה מבי"ד. 'רב' היינו לאלו שגרו בבבל. 'גאון' בגי' 60, זה אומר שידע שישים מס' הש"ס.